# יידן און יידיש

## נחום שטיף

### הקדמה

הונדערטער יאָרן האָבן יידן גערעדט יידיש, געפּרייט זיך און געדאגהט אויף יידיש, געהאַנדלט און געוואַנדלט, אַ וועלט אויסגעוועבן אויף זייער שפּראַך -- אויף יידיש. מאַמעס האָבן מיט "אונטער שׂרה'לעס וויגעלע" קינדער פאַרוויגט, אויף יידיש האָט מען געלערנט אין חדרים, אין ישיבות, אין קלויזן און בתי-מדרשים, תּורה און ספרים פאַרטייַטשט, אויף יידיש האָבן רבנים און גאונים תּורה און מוסר געזאָגט פאַר דעם עולם, אויף יידיש זענען געוועזן געשריבן מוסר-ספרים, אַ גאַנץ העלפט פון דעם יידישן פאָלק, אונדזערע מאַמעס, האָבן דעם יידישן חומש, דעם צאינה-וראינה געלייענט, אויף יידיש האָבן זיי אפילו זייערע האַרציקע תּפילות, תּחינות, געזאָגט. אַ קיצור אויף יידיש האָבן יידן אַ וועלט אויסגעפירט, און קיינעם איז נישט אייַנגעפאַלן אָפּצופרעגן, צי איז רעכט אַזוי, צי איז טאַקע יידיש אונדזער שפּראַך און צי דאַרפן מיר אפשר גאָר האָבן אַן אַנדער שפּראַך? אַוודאי יידיש! וואָס דען? אַוודאי קאָן מען אַ וועלט אויספירן נאָר אויף דער שפּראַך, וואָס יידן האָבן זי פון דור-דורות אין מויל, און וואָס אַלע יידן פאַרשטייען. איז דען שייך צו פרעגן, למשל, צי איז רעכט, וואָס אַ מענטש גייט אויף זייַנע פיס, טוט מיט זייַנע הענט, קוקט מיט זייַנע אויגן וכדומה? אַוודאי אַזוי, דאָס איז דאָך דער דרך הטבע! האָבן יידן טאַקע נישט געפרעגט קיין ווילדע קשיות און געטאָן זיך זייערס, און טאַקע אויף זייער שפּראַך, אויף יידיש. וואָרום יידיש האָט געגעבן אַ וועלט צו זען. צי האָבן יידן, למשל, געוווּסט פון אַ וועלט צו זאָגן, איידער ס'זענען אויפגעקומען יידישע צייַטונגען? ערשט, אַז מע האָט אָנגעהויבן דרוקן צייַטונגען און ביכלעך וועגן דער הייַנטיקער וועלט אויף יידיש, האָט אַ ייד געקאָנט וויסן, וואָס עס טוט זיך אין פּאָליטיק, אין מסחר, צווישן יידן, אין לענדער און צווישן פעלקער, בכלל וואָס טוט זיך אויף דער גאָרער וועלט. יידן האָבן זיך געקאָנט דערוויסן וואָס די צייַט פאָדערט פון אונדז, ווי האַלט עס מיט יידן,

מיט זייערע פּרנסה און מיט זייערע גײַסטיקע לעבן. וואָס דאַרפֿן ייִדן פֿאַרלאַנגען, וואָס טוט מען אַז מע זאָל ייִדן ניט באַוועלען, אַז זיי זאָלן אויסבעסערן זייער מצבֿ וכדומה. הכּלל, דורך ייִדיש איז אַ ייִד געוווען פֿאַרקנופּט און פֿאַרבונדן מיט ייִדן און מיט אַ וועלט, אַזוי ווי יעדער אַנדער אומה דורך איר שפּראַך, און האָט געקאָנט זוכן מיטלען, ווי אַזוי נישט צו בלײַבן הינטערשטעליק פֿון אַ וועלט.

אַזוי האָט זיך געפֿירט אונדזער ייִדיש וועלטל כּמינהגו, ייִדן האָבן געהאַלטן, אַז אַזוי דאַרף זײַן. ווי פֿאַרוווּנדערט דאַרף עס איצט זײַן אַ ייִד פֿון אַ גאַנץ יאָר, ווען מיט אַ מאָל הערט ער די לעצטע יאָרן וועגן "ייִדישיסטן" און "העברעיִסטן," וועגן אַ "קאַמף" וואָס קומט פֿאָר צווישן צוויי מחנות אין דער שול און אין תּלמוד־תּורה, אין די בילדונגס־חברהס און קהילות! וואָס זאָל ער זיך קלערן, ווען "העברעיִסטן" נעמען מיט אַ מאָל אים אײַנרעדן, אַז "ייִדיש" איז נישט קיין שפּראַך, נאָר אַ שאַנדע, אַ "זשאַרגאָן," וואָס מע דאַרף פֿון אים, וואָס גיכער, פּטור ווערן? וואָס זאָל ער זיך טראַכטן, ווען ער הערט ווי "העברעיִסטן" זענען מרעיש־עולמות, אַז "ייִדישיסטן" ווילן אויסמעקן אונדזער גאַנצן "עבֿר" מיט דער תּורה, מיט דער גאַנצער גוטער ייִדישקייט, פֿירן שיעור נישט צו שמד? און זיי, די "העברעיִסטן," וועלן שוין ראַטעווען דאָס פֿאָלק ישׂראל, אַלע ייִדישע קינדער וועלן מיט אַ מאָל אָנהייבן רעדן העברעיִש, ווי אַ וואַסער, און זיי, די "העברעיִסטן," וועלן אונדז אַרײַנזעצן אַ נײַע, כּשרע העברעיִסטישע נשמה!

דאַרף מען אויפֿקלערן די זאַך, אַז יעדער ייִד זאָל פֿאַרשטיין, וואָס איז דאָס אַזוינס "ייִדישיסטן," וואָס מען מאַכט זיי איצט פֿאַר עוקרי־ישׂראל, פֿון וואַנען נעמען זיי זיך, וואָס ווילן זיי? און ווײַטער, וואָס איז דאָס אַזוינס "העברעיִסטן," וואָס פֿאַר אַן עוולות שטעלן זיי אויס די "ייִדישיסטן" און וואָס ווילן זיי אויספֿירן? זאָל די זאַך אַראָפּ פֿון די הויכע הימלען פֿון פּאַרטיי־חקירה אויף דעם מעמד פֿון פּשוטן פֿאַרשטאַנד, זאָל יעדער וויסן, פֿון וואָס דאָ רעדט זיך. וואָס צו טאָן, וועט ער שוין אַליין פֿאַרשטיין.

("הקדמה" _ייִדן און ייִדיש_, צווייטע אויפֿלאַגע [וואַרשע, 1920])

# צי דאַרף מען לערנען ייִדיש?

נחום שטיף

שטעלן מיר זיך אַזאַ פֿראַגע : מ'דאַרף איבערגעבן אַלע לימודים אויף ייִדיש, דער גאַנצער שול-שטייגער, לערער מיט קינדער, קינדער צווישן זיך, דאַרף זײַן אויף ייִדיש. נו, און וואָס איז מיט ייִדיש -- מיט דער שפּראַך גופֿא? צי דאַרף מען ייִדיש אַלס שפּראַך פֿאַר-זיך לערנען אין דער שול? דער שׂכל-הישר זאָגט דערויף : אַוודאי יאָ! ווי דען אַנדערש? וויל מען נוצן די שפּראַך אין אַזוי פֿיל פֿאַלן, וויל מען, אַז זי זאָל אונדז אַזוי פֿיל דינען אין אונדזער בילדונג און אין לעבן, מוז מען טאַקע די שפּראַך גופֿא ערנסט לערנען -- מיט קינדער אין די שולן, מיט עלטערע אויף אָוונט-קורסן וכדומה. קאָן דען אַ בעל-מלאכה רעכט קענען זײַן מלאכה און רעכט טאָן אַ שטיקל אַרבעט, אַז ער קען נישט זײַן געצײַג, אַז ער קען נישט, אָדער האַלט נישט ריין, נישט אָנגעשאַרפֿט זײַן הובל, זײַן האַק, זײַן שלײַפֿמעסער? און ייִדיש איז דאָך אַ געצײַג, אַ גײַסטיק געצײַג, וואָס דורך דעם קומען מיר אַ וועלט צו זען. קאָן מען דען קוקן אויף דער וועלט דורך פֿאַרשטויבטע, פֿאַרשמוציקטע פֿענצטער?

אַזוי זאָגט דער שׂכל-הישר. אָבער העברעיִסטן זענען דאָך נישט מחויבֿ צו גיין מיט'ן גלײַכן וועג, לייקענט מען, ווי דער שטייגער איז : ייִדיש? גאָר! ווער קען נישט ייִדיש? אַ ייִדענע אין מאַרק קאָן דאָך דאָס אויך, -- וואָס איז דאָ פֿאַראַן וואָס צו לערנען? און ווען האָט מען עס בײַ ייִדן געלערנט ייִדיש?

איז תּכלית לייגט-זיך דאָס עפּעס אויפֿן שׂכל : טאַקע באמת, ווער קען נישט קיין ייִדיש? דער גאַנצער כּוח פֿון ייִדיש שטעקט דאָך, אייגענטלעך, אין דעם, וואָס מ'קען עס. דאַרף מען, הייסט עס באַווײַזן, אַז ייִדיש דאַרף מען יאָ לערנען. נאָר פֿריִער אַ פּאָר ווערטער וועגן דער שאלה פֿון די העברעיִסטן : ווען האָט מען עס בײַ ייִדן געלערנט ייִדיש? דערויף קאָן מען ענטפֿערן : נו, און ווען האָט מען עס בײַ ייִדן געלערנט העברעיִש? ייִדן האָבן בכּלל אין חדרים, אין ישיבֿות קיין שפּראַכן נישט געלערנט, ייִדן האָבן געלערנט חומש, גמרא,

ווייניקער שוין נביאים וכּתובים, נאָר נישט קיין העברעיִש אַלס אַ
שפּראַך פֿאַר-זיך. דיקדוק מיט מליצה, מיט מעטאָדעס, דאָס האָט
מען נישט געלערנט. ייִדן האָבן פֿון שפּראַכן בכּלל קיין וועזן נישט
געמאַכט, וואָרום תּורה איז געווען וויכטיקער און העכער איבער
אַלץ, ממילא האָט מען זיך נישט אָפּגעגעבן ספּעציִעל מיט ייִדיש.
פֿונדעסטוועגן דאַרף מען זאָגן, אַז עפּעס האָט מען יאָ געלערנט.
מ'האָט, למשל, אין די חדרים אָפּט געלערנט קינדער שרײַבן ייִדיש,
מ'פֿלעגט געבן אַן אַפּיר (אַ שורה-גריז) נאָכשרײַבן, ס'פֿלעגן אַרײַנגיין
אַהיים שרײַבערס, וואָס פֿלעגן לערנען ייִדיש, דערהויפּט מיידלעך
הייסט עס, אַז לערנען ייִדיש, לייענען און שרײַבן, איז אפֿילו
אַלטמאָדישע ייִדן נישט גאָר פֿרעמד, דאַרהויפּט, אין בעל-הביתישן
גראַד.

איצט וועגן דער טענה: ווער קען נישט קיין ייִדיש, און וואָס
איז דאָ פֿאַראַן צו לערנען? אויב מ'זאָל גיין מיט די דרכים איז דאָך אַ
קשיא, צו וואָס לערנען רוסן אין זייערע שולן רוסיש, פּאָליאַקן
לערנען -- פּויליש און דעם גלײַכן? וואָס פֿאַר אַ רוס קען דאָס קיין
רוסיש נישט; וואָס פֿאַר אַ פּאָליאַק קען קיין פּויליש נישט?
פֿונדעסטוועגן לערנען זיי יאָ זייער שפּראַך. איז דען אַ וועלט משוגע?
נאָר אַ וועלט איז טאַקע נישט משוגע, און אַן אייגענע שפּראַך דאַרף
מען טאַקע פֿאָרט לערנען, כאָטש מ'קען זי. וואָרום קענען צו קענען
איז נישט גלײַך! שפּראַך צו שפּראַך איז נישט גלײַך. ס'איז פֿאַראַן אַ
שפּראַך פֿון אַ פּשטן, נישט געלערנטן מענטשן, און אַ שפּראַך פֿון אַ
געבילדעטן מאַן; ס'איז פֿאַראַן אַ מאַרקשפּראַך און ס'איז פֿאַראַן
ביכערשפּראַך. מ'זאָגט בײַ אונדז אויף איינעם, וואָס רעדט שיין:
"פּערל שיטן זיך אים פֿון מויל." הייסט עס, אַז אין פֿאָלק פֿאַרשטייט
מען, וואָס הייסט קענען שפּראַך, און אַז נישט אַלע קענען. און ווילן
מיר, אַז אַ מענטש זאָל באמת קענען זײַן שפּראַך, דאַרף מען זי מיט
אים לערנען, ער זאָל וויסן איר טיפֿקייט און איר שיינקייט, איר כּוח
און ברייטקייט. אַ הובל בײַ אַ געניטן בעל-מלאכה אין דער האַנט,
וואָס קען רעכט די מלאכה און זײַן שטיקל געצײַג, איז נישט דאָס
זעלבע, וואָס אַ הובל בײַ אַ לערנייִנגל, אָדער גאָר אַן אומגעניטן
מענטשן אין דער האַנט. אַז מיר לייענען אַ בוך פֿון אַ ייִדישן
שרײַבער, פֿון אַ מענדעלע מוכר-ספֿרים, אָדער אַ שלום-עליכם, וואָס
יעדער ייִד קאָן אים, פֿילן מיר עפּעס אַ מאָדנע זאַך: דאַכט זיך
אונדזער שפּראַך, אָט דאָס, וואָס מיר רעדן תּמיד, און דאָך עפּעס אַן

אַנדער שפּראַך. יענער איז אַ שרײַבער, אַ טאַלאַנט, אַ גאָטס גאָב, ווייסט ער דעם סוד פֿון דער שפּראַך, און מיר געוויינלעכע מענטשן דאַרפֿן זיך לערנען דאָס, וואָס אים קומט פֿון טאַלאַנט. וואָרום באמת האַלטן מיר שטענדיק אין איין לערנען די שפּראַך, מיר באַמערקען עס אַפֿילו נישט. עלטערע לערנען קינדער, ווײַזן זיי, אַז אַזאַ וואָרט פּאַסט נישט צו זאָגן, אין אַזאַ געזעלשאַפֿט דאַרף מען אַזוי רעדן. עלטערע לערנען זיך אויך איינס פֿון דעם אַנדערן. זיי כאַפּן אַ וואָרט, אַן אויסדרוק, אַ ווערטל, מ׳נאַשט פֿון אַ בוך, -- פֿאַרוואָס זאָל אַ שפּראַך זײַן ערגער פֿאַר אַ שוך? און ווען הײַנטיקע צײַטן פֿאַרשטייט שוין יעדער, אַז מ׳דאַרף גיין אַ גאַנצן שוך, און אַ ריינעם שוך, פֿאַרוואָס זאָלן מיר אומגיין מיט אַן אומריין מויל און שלעכט רעדן, בעת מ׳קאָן דערלאַנגען שיין רעדן, שיין שרײַבן? און ווי זאָל מען דאָס אויספֿירן, ווען מ׳לערנט זיך נישט און מ׳זאָגט, אַז מ׳קען שוין? און ווידער נאָך אַ זאַך: דער שׂכל, דער פֿאַרשטאַנד, האָט אויסגעשלײַפֿט און שלײַפֿט ווײַטער די שפּראַך; וואָס דער מענטש איז קליגער, געבילדעטער, אַלץ רײַכער און שענער איז זײַן שפּראַך, און דאָס אייגענע פֿאַרקערט: די שפּראַך שלײַפֿט אונדזער שׂכל, אונדזער געפֿיל, דורך דער שפּראַך קומען מיר צו באַנעמען אַ וועלט מיט איר גרויסקייט און שיינקייט. אַ קינד, אַז ס׳דערגייט אַ נײַ וואָרט טאַקע אין זײַן גוט-באַקאַנטער שפּראַך, אַ נײַע ווענדונג, דערגייט עס נישט סתּם אַ וואָרט, נאָר אַ נײַעם געדאַנק, עפּעס אַ פֿײַנעם קנייטש: עס דערזעט עפּעס אַ נײַעם פֿאַר-זיך, און ס׳קומט אים עפּעס צו אויף לעבן-לאַנג. מ׳דאַרף לערנען די ליטעראַטור פֿון אַ שפּראַך; דאָס, וואָס מ׳האָט געשריבן און געדרוקט ביכער אויף אַ שפּראַך. און אויף ייִדיש איז דאָך אויך עפּעס געשריבן-געוואָרן, נישט צו פֿאַרזינדיקן.

קומט מען לסוף אַרויס מיט דעם אמתן מיין: אַלע שפּראַכן -- יאָ, דאַרף מען טאַקע לערנען, דאָרט איז דאָ וואָס צו לערנען, אָבער ייִדיש איז נישטאָ וואָס! די אַלטע טענה, וואָס מיר האָבן שוין פֿריִער זי געהערט: ייִדיש איז קיין שפּראַך נישט, ס׳איז _אַ זשאַרגאָן_ אַ _פֿאַרדאָרבן דײַטש_, אַ סימן, -- ייִדיש האָט קיין גראַמאַטיק (דיקדוק) נישט, וועגן דעם, צי איז ייִדיש _אַ זשאַרגאָן_, אַ _פֿאַרדאָרבן דײַטש_, האָבן מיר שוין פֿריִער געהערט און ס׳לוינט נישט איבערצוחזרן. די טענה איז אַ בלבול אָדער עם-הארצות. דאָס אייגענע אויך די טענה, אַז די ייִדישע שפּראַך האָט קיין גראַמאַטיק

ניִשט. ראשית, זענען שוין אַוועק די צײַטן, ווען אין אַ שפּראַך, דערהויפּט נאָך אין אַ מוטער שפּראַך, האָט מען געזען דעם עיקר-לימוד די גראַמאַטיק. הײַנט איז דאָס בכלל די לעצטע דאגה, ווער שמועסט נאָך אין אַ פֿאָלקסשול, וואָס מ׳לערנט דאָרט אַלץ פּראַקטיש, און טעאָריעס גייען בכלל נישט אָן. שנית, איז די גאַנצע מעשׂה, אַז ייִדיש האָט קיין גראַמאַטיק נישט, אַ ווילדע נאַרישקייט. דאָס איז דאָס אייגענע, ווי מ׳זאָל זאָגן, אַז אַ ייִד האָט קיין האַרץ נישט, קיין מאַרך נישט, קיין חוט-השדרה נישט, ווײַל ס׳איז נישט פֿאַראַן קיין אַנאַטאָמיע אויף ייִדיש. קיין בוך וועגן אַנאַטאָמיע, קיין בוך וועגן דעם, ווי איז געבויט דעם מענטשנס גוף, איז נישט פֿאַראַן אויף ייִדיש, אָבער אַ ייִד האָט אַלע אבֿרים גלײַך מיט אַנדערע.

וואָרום נישט דעם מענטשנס קערפּער שטעלט זיך צונויף לויט דער אַנאַטאָמיע, נאָר פֿאַרקערט די געשריבענע אַנאַטאָמיִע איז אַ בילד, אַ פֿאָטאָגראַפֿיע פֿון דעם מענטשנס קערפּער. אַנאַטאָמיע טוט נישט אויף קיין שום נײַעס, זי קוקט זיך צו צום מענטשנס גוף און באַשרײַבט געטרײַ, וואָס דאָרט טוט זיך, וואָס דאָרט איז באמת פֿאַראַן. די געשריבענע אַנאַטאָמיע בײַט זיך; וואָס מער די וויסנשאַפֿט קוקט זיך צו און שטודירט פֿלײַסיק דעם גוף, זעט זי אַלץ מער, אַלץ בעסער. דער גוף, אָבער, בלײַבט דער זעלביקער אַלע צײַטן. דאָס אייגענע אויך אַ שפּראַך און גראַמאַטיק. נישט די שפּראַך לערנט זיך בײַ דער גראַמאַטיק, נאָר פֿאַרקערט, די גראַמאַטיק לערנט זיך בײַ דער שפּראַך. די גראַמאַטיק באַשרײַבט נאָר דאָס, וואָס זי זעט צו בײַ דער שפּראַך, נישט מער, פּונקט אַזוי ווי די אַנאַטאָמיע באַשרײַבט דעם מענטשנס גוף. אַ געשריבענע גראַמאַטיק, אַ בוך וועגן גראַמאַטיק, מעג נישט זײַן, און דאָך האָט יעדע שפּראַך איר גראַמאַטיק. אַזוי ווי ס׳מעג נישט זײַן קיין בוך וועגן אַנאַטאָמיע, און דערפֿון וועט נישט צוקומען און נישט געמינדערט ווערן קיין אבֿר אין אַ מענטשנס גוף, און אַזוי ווי יעדע שפּראַך, די דײַטשישע, די רוסישע און אַנדערע זענען געווען שפּראַכן אפֿילו דאַמאָלס, ווען קיין געשריבענע גראַמאַטיק איז נאָך נישט געווען, דאָס אייגענע אויך מיט ייִדיש. ייִדיש קאָן זײַן אַ שפּראַך און מעג נישט האָבן קיין געשריבענע גראַמאַטיק, ווײַל ס׳האָט זיך נאָך נישט געפֿונען דער בעלן, וואָס זאָל די שפּראַך שטודירן און אָנשרײַבן די כּללים, וואָס שטעקן אין דער שפּראַך. צי זאָלן מיר זאָגן, אַז אין דער צײַט פֿון די נביאים, ווען קיין געשריבענער דיקדוק איז נאָך נישט געווען, האָט העברעיִש קיין גראַמאַטיק נישט געהאַט?

צי דערפֿאַר, וואָס ס׳איז קיין געשריבענע גראַמאַטיק נישטאָ, רעדן אָדער שרײַבן ייִדן אַן אַנדער שפּראַך? אַלע רעדן און שרײַבן גלײַך, וואָרום אַנדערש קאָן נישט זײַן, וואָרום: דאָס איז שוין די טבֿע פֿון אַ שפּראַך. אַזוי ווי, יעדער לעבעדיק באַשעפֿעניש, וואָס האָט זיך אירע פֿעסטע סימנים און כּללים. וואָס זשע קאָן עס באמת באַטײַטן, ווען מ׳זאָגט, אַז ייִדיש האָט קיין גראַמאַטיק נישט? דאָס קאָן האָבן נאָר איין טײַטש: ייִדיש פֿאַרמאָגט נאָך נישט קיין ביכל, וואָס אויף דעם זאָל שטיין אָנגעשריבן: _ייִדישע גראַמאַטיק_. אַזוי מיינען טאַקע באמת אַ סך ייִדן, איז דאָס, אָבער, אויך אַ גרינטלעכער טעות: ייִדיש האָט שוין מאמרים און ביכלעך וועגן ייִדישער גראַמאַטיק אַריבער דרײַ הונדערט יאָר. מענטשן פֿון וויסנשאַפֿט, דערהויפּט, דײַטשישע געלערנטע, שטודירן די גאַנצע צײַט די ייִדישע שפּראַך און האָבן געשריבן ייִדישע גראַמאַטיק. גאָר די לעצטע צײַט זענען געשריבן געוואָרן ביכלעך אויף ייִדיש: _ייִדישע גראַמאַטיק_. הייסט עס, ייִדיש איז שוין כּשר לכל הדעות! די ייִדישע שפּראַך איז געוויינלעך פֿון דעם נישט בעסער, נישט ערגער געוואָרן, אָבער די לעצטע טענה קעגן ייִדיש איז שוין אויך אָפּגעפֿאַלן. אַזוי וואָלט עס באַדאַרפֿט זײַן, ווען מ׳זאָל עס באמת מיינען ערנסט מיט גראַמאַטיק. דאָס אומגליק, אָבער, איז, אַז מ׳האָט עפּעס פֿײַנט, זוכט מען זיך. ווי זינגט זיך אין אַ ייִדיש לידל פֿון דער אומגליקלעכער שנור, וואָס די שוויגער זוכט אויף איר שטענדיק חסרונות:

גיי איך פּאַמעלעך,
זאָגט זי: איך קריך;
גיי איך גיך,
זאָגט זי: איך רײַס די שיך.

אָבער, לאָמיר אַראָפּ פֿון די הויכע הימלען אויף אונזער זינדיקער ערד: אויסלערנען אַ פֿאָלקסמענטש, ער זאָל קאָנען לייענען אַ ביכל און אָנשרײַבן אַ בריוול אויף ייִדיש, דאַרף מען? הייסט עס, אַז מ׳מוז לערנען ייִדיש אין דער שול. די העברעיִסטען, אָדער זיי לייקענען עס גאָר, מ׳קומט אָפּ מיט אַ פּיזמון, וואָס איז דאָ פֿאַראַן צו קענען? אָדער מ׳וויל עס אָפּקומען בשיִע-פּיִה: כ׳ווייס, לערנט מען דאָרט אַ שעה, אָדער אַ פּאָר שעה אין וואָך _זשאַרגאָן_ מיט מיידלעך. און צווישן יאָ און ניין דערשטיקט מען איינע פֿון די

וויכטיקסטע זאַכן פֿאַר דעם פֿאָלקסמענטש, וואָס אָן דעם קאָן ער זיך נישט באַגיין.

*****

Transcription: Leah Krikun
Conversion: Refoyl Finkel
Copyediting: Leonard Prager
              Mirl Schonhaut-Hirshan
              Noyekh Miller